## ליטעראַטור-קריטיק ביבליאָגראַפיע פראַגן פון קונסט

בינימין מאכלין

# וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע"

אין אונדזער רײַכער מענדעלע־פאָרשונג זײַנען באם אָפּשאַצן „די קליאַטשע" ניט באַהאַנדלט געוואָרן גענוי אירע דרײַ וואַריאַנטן.

דער קינסטלערישער וווּקס פון מענדעלען אין זײַנע ווערק איז געקומען מיט זײַער סאָציאַל־אידײיִשער פאַר־טיפערונג. פאַר די יאָרצענדליקער, וועלכע זײַנען דורכ־געגאַנגען פון וואַריאַנט צו וואַריאַנט, איז פאָרגעקומען א וווּקס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און עס זײַנען אויסגעוואַקסן באַ די לייענער זײַער קינסטלערישער גע־שמאַק און זײַערע אידײיִשע פאָדערונגען.

מענדעלע האָט איבערגעאַרבעט זײַנע ווערק, קעדיי מאַכן זיי אַקטועל. ער האָט געשליפן דעם זאַץ און דאָס וואָרט, זיי זאָלן זײַן אין אײַנקלאַנג מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן אין דער געגעבענער צײַט. די איבער־אַרבעטונג האָט געמאַכט דאָס ווערק ה ײַ נ ט צ ײַ ט י־ק ע ר.

„די קליאַטשע", א ביכעלע פון 16 קאַפּיטלען, איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין א בוך פון פיר און צוואַנציק קאַפּיטלען.

דאָס נײַע אין די וואַריאַנטן איז געוואָרן אָנגעהויבט דורך די געשעענישן פון דער צײַט. מע דאַרף דעריבער באַטראַכטן „די קליאַטשע" אַלס ווערק, וואָס שפּיגלט קינסטלעריש אָפּ אין זײַנע דרײַ וואַריאַנטן דרײַ געשיכט־לעכע פעריאָדן.

■

מענדעלע איז געווען סטירעסדיק. ער פלעגט זיך אָפּט אַליין אָפּפרעגן, אַף זײַן וועג מאַכן זיגזאַגן. נאָך „דער קליאַטשע" — א ווערק מיט שאַרפער געזעלשאַפטלעכער קריטיק — גייט ער אומגעריכט אַריבער צו „יודל", „זמירעס־ייִסראָעל", „פיירעק שמירע", וועלכע ייִצכאָק־יויעל לינעצקי האָט שאַרף קריטיקירט פאַר זײַער נוצ־לאָזיקײַט און געשמאַקלאָזיקײַט.

מענדעלע שטײַגט ווידער אויף אין „מאַסאָעס בינימין האַשלישי", אין „פישקע דער קרומער", און גייט ווידער אַוועק צו דער פאַרגאַנגענהײַט־ראָמאַנטיק אין צווייטן טייל פון „שלוימע רעב כאַיִמס". קימאַט אין דער זעל־בער צײַט שרײַבט ער צו מ. ספּעקטאָרן: „איך קען מיך נישט יודלען, ווי די הײַנטיקע... ווי קום איך צו זיי, צו די הײַנטיקע כאַכאָמים, צו די גרויסע באַל־אייצעס, צו די פײַערדיקע פאַטריאָטן, צו די קאָפּלשמוינעדיקע ייִדן"...[1]

ריכטיק באַמערקט מ. ווינער: „באַ אַלע ווידערשפּרוכן איז אין מענדעלען ניט אַנשוויגן געוואָרן דער רעוואָליו־ציאָנערער דעמאָקראַט"[2].

די „קליאַטשע"־וואַריאַנטן (1889—1913), אָנגעפּילט מיט נײַעם אינהאַלט פון צײַט־געשעענישן, געשילדערט מיט נײַע קרעפטיקע אויסדרוק־מיטלען און בילדער, באַ־ווײַזן, אַז מיט דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן ווערק (1873) האָט זיך די פּובליציסטישקײַט באַ מענדעלען ניט פאַרענדיקט, אַז ער זעצט זי פאָר אויך שפּעטער, אַז די פּובליציסטישקײַט, די טענ־דענציעזקײַט, דער אידײיִשער אָנציל העלפן דער קינסט־לערישער פאַרפולקומונג און מאַכן בוילעטער די אידײ־פונעם ווערק, אַז עס זאָל „אין יענע באַטראַכטונגען און רעפלעקסיעס, וואָס זײַנען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זײַנע קינסטלערישע בילדער, זײַן גאָרניט געמעסיקט, אַז עס זאָל ריידן מיט דער שפּראַך פון א רעוואָליוציאָנערן דע־מאָקראַט"[3].

אַוואַדע קאָן די בירגערלעכע עסטעטן ניט געפעלן מענ־דעלעס טענדענץ, זײַן שטייגער „אַרויסצושטעלן פאַר־באָרגענע מאַקעס, א פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער" (בריוו צו שאָלעם־אַלייכעם, 19 יאַנוואַר 1890)[4].

מענדעלע האָט פאַרשטאַנען די געזעלשאַפטלעכע פונק־ציע און די עסטעטישע אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור.

אין דעם ווייניק באַקאַנטן ווערק „מה נעשה" (וואָס דאַרף מען טאָן; דאָס קעפל רופט זיך, אַפּאָנעם, איבער מיט טשערנישעווסקיס «Что делать?») ווערט צוזאַ־מען מיטן עסטעטישן אַרויסגערוקט דאָס קעמפערישע, דאָס עטישע, דאָס רעוואָליוציאָנערע, פּראָגרעסיווע, וואָס פאַרבינדט די ליטעראַטור מיטן לעבן[5].

---

[1] בריוו צו מ. ספּעקטאָר, 29 דעקאַבער 1902. „מענ־דעלע־בוך", צונויפגעשטעלט און געקליבן פון נאַכמען מײַזיל. ניו־יאָרק, איקוף־פאַרלאַג, 1959, ז. 184.

[2] מ. ו י נ ע ר. צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט. ניו־יאָרק, איקוף־פאַר־לאַג, 1946, ב. 2, ז. 162.

[3] דאָרט, ז. 70, 71.

[4] ציטירט לויטן „מענדעלע־בוך", ז. 245.

[5] זע „האַמיילִיץ", 1878, נומ. 1—3.

מענדעלע איז געווען באַאײַנפלוסט פון די פּראָגרעסיווע אידייען פון זײַן צײַט. ער האָט שטודירט די ווערק פון די גרויסע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן — בעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו. עס איז פעסטגעשטעלט די ליטעראַרישע קרויוועשאַפט פון מענדעלען מיט סאַל־טיקאָוו־שטשעדרינען. די מעטאָדן, וועלכע סאַלטיקאָוו־שטשעדרין ווענדט אָן אין זײַן סאַטירע, זײַנען אויך כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר מענדעלען, באַזונדערס פאַר „דער קליאַטשע". די קליאַטשע־אַלעגאָריע איז, ווי בײַ סאַלטי־קאָוו־שטשעדרינען, אַ סאַטירישע. אַכוץ דעם, וואָס די אַלעגאָריע איז פאַרשפּרייט אַלס ליטעראַטור־פאָרם בײַ אַלע פעלקער פון לאַנגע צײַטן אָן, איז זי באַזונדערס געווען צוגענגלעך פאַר דעם ייִדישן לייענער, וועלכן עס איז געווען באַקאַנט דער מאַגידישער מאָשל מיטן מוסער־האַסקלדיקן נימשל.

דער פאַרקישעפטער פּרינץ, די קנעסעס־ייִסראָעל אין געשטאַלט פון דער קליאַטשע, האָט אויך געקאָנט זײַן און איז טאַקע געוואָרן בײַ מענדעלען די אַלעגאָריע פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע „געמיינע פערד", וואָס אַקערן די פעלדער, פירן וואַסער און האָלץ, שלעפּן מאַסע און טוען אַלצדינג אין דער באַלעבאַטישקײַט".

דאָס טראַגישע בײַ דעם קליאַטשע־געשטאַלט איז אין דעם „קישעף", וואָס לאָזט זי ניט אויסגלײַכן דעם רוקן, אין דעם פּאַטום, אין דעם גוירל פון „אייביקער קליאַטשע".

מענדעלע האָט ניט געזען און דורך „דער קליאַטשע" ניט באַוויזן יענע אַקטיווע קויכעס, וועלכע וואַקסן אָן אין פאָלק און אַרום אים אין יענע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע פירן צום אופרײַסן די אומגערעכטע געזעלשאַפט־לעכע אָרדענונג און צוזאַמען מיט איר דעם „קישעף" פון דער „אייביקער קליאַטשע". מענדעלעס קליאַטשע וואַרט פּאַסיוו און האָפט אויף דער גערעכטיקײַט, וואָס וועט קומען ווי אַ מין מאָשיעך...

די „אייביקײַט" פון דער קליאַטשע איז איר שוואַכע זײַט. עס בלײַבט אָבער איר שטאַרקע זײַט — דער אופ־גערודערטער באַוווּסטזײַן פון דעם פאָלק.

די ערשטע אויסגאַבע פון „דער קליאַטשע" איז דער־שינען אין 1873 אין ווילנע, אין דער באַוווּסטער דרו־קערײַ פון דער אַלמאָנע און ברידער ראָם. די צענזור־דאַ־טע איז אָנגעוויזן 15 דעקאַבער 1872. דאָס ווערק האַלט 119 זײַטן און איז, ווי געזאָגט, אײַנגעטיילט אין 16 קאַפּיטלען.

„די קליאַטשע" פון 1873 געהערט צום זשיטאָמירער פּעריאָד פון מענדעלעס לעבן און שאַפן (1869—1881).

קיין זשיטאָמיר איז דער שרײַבער אַריבערגעפאָרן פון בערדיטשעוו, פונוואַנען ער האָט געמוזט אויקער זײַן צוליב די רעדיפעס מיצאַד די דאָרטיקע קאָהאָלשע רעדל־פירער, וועלכע ער האָט מיט זײַן „טאַקסע" געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ. נאָר אויך אין זשיטאָמיר האָט מענ־דעלע קיין האָניק ניט געלעקט פון די דאָרטיקע קאָכלעפל. „די קליאַטשע" ווערט געשאַפן אַלס צווייטער טייל פון דער „טאַקסע", ווי מענדעלע שרײַבט אין דער האַקדאָמע: „האַכיילעק האַשייני — דער צווייטער טייל מעהאַטאַקסע, בעכאָל פּראַטאָוו — מיט אַלע פּישטשעווקעס".

דער זשיטאָמירער פּעריאָד איז בײַ מענדעלען געווען אַ פּעריאָד פון פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן פאַנאַטיזם און קלעריקאַליזם. „די קליאַטשע" איז אַ ווערק פון אַ דיכ־טער מיט אַ פאַרביטערט האַרץ. זי איז אָנגעשריבן מיט אַ פּען, וואָס האָט געשפּריצט מיט פײַער. מיר לייענען בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין זײַן פאַרצייכענונג „פיר זײַ־נען מיר געזעסן":

„מענדעלע מויכער־ספאָרים דערציילט, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל געלייענט „די קליאַטשע" פאַר אַ גע־שלאָסענער פאַרזאַמלונג פון אינטימע פרײַנט, וועלכע האָבן פריִער געלאַכט פון אים, געמאַכט כויזעק איבערן נאָמען פונעם ווערק: „נאַ דיר גאָר אַ פערד, אַ קליאַ־טשע", נאָכדעם געוואָרן ערנסט. איינער פון זיי, יויסעף־בעצאַלעל האַרקאַווי, האָט נאָכן איבערלייענען „די קליאַ־טשע" צוגענומען באַם מעכאַבער דאָס העפטל, אַרײַנגע־לייגט אין זײַט־קעשענע, אָן ווערטער. אַוועקגעפירט דאָס קיין פּעטערבורג און צוגעשיקט אין אַ צײַט אַרום דעם פאַרפאַסער אַ פאַרטיקע, אָן אָפּגעדרוקטע „קליאַטשע". נאָכדעם האָט דער צענזאָר געהאַט אַ מיִעסע מאַפּאָלע, וואָס מע האָט דורכגעלאָזט אַזאַ טרייפע סכוירע"[1].

פאַר דער מיִעסער מאַפּאָלע האָט זיך שפּעטער די צאַ־רישע צענזור נויקעם געווען און פאַרמאַכט דעם זשורנאַל „וואָסכאָד" אויף זעקס כאָדאָשים דערפאַר, וואָס דאָרט זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן (אין 1891) די ערשטע קאַפּיטלען פון „דער קליאַטשע", איבערגעזעצט אויף רוסיש דורך מענדע־לעס זון מיכאַיִל (מייער) אַבראַמאָוויטש.

אויפן שאַרבלאַט פון „דער קליאַטשע" שטעלט מענדעלע ווי אַ מאָטאָ „לססתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי", אויס־געטײַטשט מעלאַמדיש און פון מענדעלען אונטערגע־שטראָכן: צו מײַן „ק ל י א ט ש ע אין פאַרעס רײַטוואָגן פאַרגלײַך איך דיך, ק נ ע ס ע ס־י י ִ ס ר אָ ע ל". די ווער־טער „קליאַטשע" און „קנעסעס־ייִסראָעל" זײַנען אויס־געטיילט מיט פעטן שריפט.

„די קליאַטשע" איז דערשינען אין דער צײַט, ווען עס זײַנען פאַרשוווּנדן די האָפענונגען אויף אַ „פּאָליטישן פרילינג", אויף רעפאָרמען פון אויבן נאָכן אָפּשאַפן דאָס לײַב־אייגנטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון דער אינטעליגענץ צו „גיין אין פאָלק".

עס איז קלאָר געוואָרן, אַז בילדונג איז ניט דער וועג צו דער גלײַכבאַרעכטיקונג פונעם ייִדישן פאָלק. די רע־פאָרמיסטישע פּראָגראַם פון דער בורזשואַזער האַסקאָלע האָט געהאַט אַ מאַמאָשעס בלויז פאַר פּריווילעגירטע יעכידים. די מאַסע איז אָבער געבליבן הונגעריק, רעכט־לאָז, באַרויבט דורך די אייגענע, די ייִדישע גווירים און טאַקיפים, באַשווינדלט דורך די קלייקוידעש און פאַר־פאָלגט דורכן צאַרישן רעזשים, דורך די זעלבע טשינאָווניקעס און פּריצים, „די איידעלע געלערנטע פערד", וועל־כע האָבן אונטערדריקט דאָס פּויערטום און די האָרע־פּאַשנע מאַסן פון שטאָט.

נאָך אין „מכתב על דבר החינוך" (מיכטאָוו על דוואר האַ־כינוך — אַ בריוו וועגן דערציִונג) און אין „משפט שלום" (שאָלעמס מישפּעט) איז מענדעלע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם בורזשואַזן מאַסקיליזם. נאָר אַנטשיידן איז געווען זײַן אַרויסטרעטונג אין „דער קליאַטשע". דאָס איז שוין ניט געווען פּראָסט אַ רעוויזיע, נאָר אָן אָנגריף אויפן מאַס־

[1] ש אָ ל ע ם־אַ ל ײ כ ע ם. ייִדישע שרײַבער. ניו־יאָרק, 1919, ז. 153.

קילישן רעפאָרמיזם — אן אָנגריף אין גײַסט פון רעוואַ־ליוציאָנערן דעמאָקראַטיזם.

אין א פײַנער סאטירישער מאניר איז אויסגעלאַכט די ווענדונג פון דער האסקאָלע (ייִסראָליקן) צום פאָלק (דער קליאטשע): „לערן זיך טאנצן“, — און בײַסיק האָט דער האסקאָלע געענטפערט דאָס פאָלק: „קיין טאנץ גייט ניט פארן עסן“.

דאָס פאָלק פאָדערט גלײַכע רעכט אף צו לעבן: „פלייש און בלוט זײַנען מיר אלע. אונדזערע באדערפענישן זײַנען גלײַך, און איין רעכט אף צו לעבן האָבן מיר אלע“.

מענדעלע באגרענעצט זיך ניט מיט דער קריטיק אין די ראמען פון דער ייִדישער סוויווע, ער ווענדט זי אַן דירעקט קעגן דער גאנצער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, קעגן די „פאנסקע צאפעס“, „וואָס פרעסן אויף אָרעם בלוט, אָרעם שוויס נעבעך“; מענדעלע האָט געלאָזט ריידן אליין דאָס פאָלק, וואָס דערזעט זיך צווישן נאָך אזעלכע אונטערדריקטע און רעכטלאָזע. דאָס אליין איז שוין געווען אן אקט פון מאָראלישער גלײַכבארעכטיקונג.

די צווייטע אויסגאבע פון „דער קליאטשע“ איז דערשינען אין אָדעס אין דער דרוקערײַ פון א. ווארשעווער, 1889, 129 ז. די אויסגאבע איז איליוסטרירט. דאָ געפינען מיר די זעלבע זעכצן קאפיטלען, ווי אין ערשטן וואריִאנט.

דאָס איז געווען, ווי עס איז אָנגעוויזן אפן שארבלאט, „דאָס צווייטע בוך פון אלע קסאָווים פון מענדעלע מוכר־ספאָרים“; אפן פאָדערבלאט איז אָנגעוויזן אין רוסיש — Издание автора (אויסגאבע פונעם אווטאָר). די אויסגאבע האָט טאקע געהערט מענדעלען, וועלכער האָט, כוץ דעם, זיך פארנומען אויך מיט איר פארשפרייטונג.

שאָלעם־אלייכעמס „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק“ האָט אָפגעדרוקט א באגײַסטערטע רעצענזיע אף אָט דער אויסגאבע. „די קליאטשע“ ווערט אָנגערופן — מענדעלעס „שיר־האשירים“.

אין א רעדאקציאָנעלער באמערקונג צו דער רעצענזיע באצייכנט שאָלעם־אלייכעם „די קליאטשע“ ווי „אן אומשטערבלעך ווערק“, מיט וועלכן „ס׳איז אמאָל די וועלט אוף געווען“. שאָלעם־אלייכעם שרײַבט: „עס איז ניט געווען יענע ייִדישע שטוב, ווו מע זאָל ניט זיצן און לייענען „די קליאטשע“... „פון יענער צײַט [פון דער ערשטער אויסגאבע פון 1873] איז איבערגעגאנגען היפשע עטלעכע יאָר און „די קליאטשע“ איז געוואָרן א זעלטנהײַט... אצינד, אף די עלטערע יאָרן, האָט זיך מענדעלע גענומען דורכלופטערן דאָס בײַדל מיט ספאָרים און אף דער בידנער „קליאטשע“ איז געקומען א יעשועה. זי איז הײַנטיקס יאָר איבערגעדרוקט געוואָרן איבעראנײַס מיט אייניקע אויסבעסערונגען, מיט שיינע אויסיִעס און אף גוט פאפיר; דערבײַ האָט מענדעלע ניט געזשאלעוועט די וויסטע קליאטשע ארומפלעכטן מיט כיינעווודיקע קרענצלעך, באצירן זי מיט קארטינקעס, עפעס גאָר ניט ייִדישלעך“[1].

אף א ספעציעלן פאָדערבלאט מיט דער אופשריפט „די קליאטשע ברענגט פאר א מאטאָנע דעם ווײַב“, שרײַבט מענדעלע: „די מאטאָנע, וועלכע איך ברענג דיר דאָ, מײַן ווײַב, איז עפעס ניט אזא אָנגענעמע, ווי דו פארדינסט פאר אזויפיל מי, וואָס דו ביסט געווען אויסגעשטאנען מיט מיר אף דעם שווערן וועג פון לעבן פון די יונגע ביז אין די עלטערע יאָרן אונדזערע. לײַט שענקען זייערע ווײַבער קארעטעס מיט פערד צום פארגעניגן; פון מײַן קליאטשע, מישטיינסגעזאָגט, קען מען קיין גרויס פארגעניגן נישט האָבן. זי איז א דארע, א שלאפע, א דערשלאָגענע, נעבעך, און די צעריסענע פעל אירע, פול מיט וווּנדן, איז עפעס אויך ניט אזוי שיין. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דו ווייסט זייער גוט מײַן ארט שטעלע בא אונדזער אָרעם פאָלק און די באשעפטיקונג מײַנע בא אים. קיין נאכעס און גרויסע גליקן קען דאָס ייִדישע לעבן ניט געבן. הארצווייטעק נאָר, מאקעס און יעסורים איבערגענוג. אוי, קיין בעסערע מאטאָנעס, ווײ איז מיר, האָב איך ניט...“

דאָס, וואָס מענדעלע האלט זײַן ליטערארישע טעטיקײַט אלס „שטעלע בא אונדזער אָרעם פאָלק“, פונקט ווי א פאָלקס־מיסיע, באווײַזט טאקע זײַן ארבעט איבער „דער קליאטשע“.

די צווייטע אויסגאבע פון „דער קליאטשע“ געהערט צום אָדעסער פעריִאָד פון מענדעלעס לעבן. צווישן דער ערשטער און צווייטער אויסגאבעס זײַנען דורכגעגאנגען זעכצן יאָר.

דער צווייטער וואריִאנט שיידט זיך אויסערלעך ניט אונטער פון דעם ערשטן: די זעלבע קאָמפאָזיציע, די זעלבע קאפיטלען, מיט די זעלבע נעמען. אָבער ווען מע לייענט אים אופמערקזאם, זעט מען, וויפל מי דער שרײַבער האָט ארײַנגעלייגט באם איבערארבעטן דאָס ווערק.

אין צווייטן וואריִאנט האָט מענדעלע גרינטלעך באארבעט די לעקסיק. דאָס פארבײַטן א סאך העברעיִזמען און סלאוויזמען אף אדעקוואטע ייִדישע אויסדרוקן איז ניט געווען ארויסגערופן פון א שטרעבונג צו פוריסטישער שפראך־ריינקײַט. מענדעלעס ציל איז געווען, אז דאָס פאָלק זאָל אים בעסער פארשטיין.

דעם צווייטן וואריִאנט האָט מענדעלע באארײַכערט מיט נײַע בילדער, אנטפלעקנדיק דערבײַ א ביז גאָר גרויסע דיכטערישע קראפט און מיט דעם צוזאמען די אשירעס פון ייִדישן שפראך־אויצער.

אָט שילדערט ער דעם שיידים־טאנץ, וואָס דארף אלעגאָריש אָפשפיגלען די פאָגראָם־וואקכאנאליע — די שווארצע סטיכיי פון די 80־ער יאָרן:

...„פלוצעם איז אופגעשטאנען א ווינט און אָט האָט פונדערווײַטנס זיך פארדרייט א רעדל און געדרייט, געדרייט, געדרייט, ווי א זײַל, גאנץ הויך אינדערלופטן. ס׳איז א קאָכעניש, אן אויסמישעניש פון אלערליי געשטאלטן, וואָס טאנצן, שפרינגען, פליִען מעשוגענערווײַז, ווי די רורכעס, ארײַנכאפנדיק צו זיך אין קאָן ארײַן אלצדינג, וואָס קומט זיי אפן וועג אנטקעגן. עס טראָגט זיך, דרייט זיך ראשיק, מיט אימפעט, באגלייט פון א מעשוגענער קאפעלע. עס קראקעט, קוואקעט, קוואָקעט, קרעכצט, הײַלט, זוזשעט, פילדערט, גרילצט אין די אויערן. ביימער אין דעם וואלד ענטפערן אָפּ צום טאקט, בייגנדיק זיך אין אלע זײַטן, רוישן, צימבלען און פאטשן, פליעסקען מיט די צווײַגן. די לעוואָנע דערשרעקט זיך און לויפט זיך באהאלטן אין א שטיק וואָלקן, — עס איז אפאָנעם א כאסענע. דאָס גוטע פעקל מעכוטאָנים פירט עס אזוי טאראראמענדיק א מאכשייפעטע צו דער כופע“ (קאפיטל 3).

[1] „די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, קיִעוו, 1889, בוך צווײ.

צום ערשטן מאָל האָט מענדעלע אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַן ווערק (אין קאַפּיטל „די קליאַטשע. א פײַרעש אף איִעוו“) טאַלאַנטפול איבערגעדיכטעטע צוועלף שורעס פון טילים[1].

נאָך אין זײַן אווטאָביִאָגראַפיע (1889) האָט דער גרויסער ייִדישער קלאַסיקער דערציילט, אַז ער האָט איבערגעזעצט דעם סייפער טילים אין פערזן און אַז ער געפינט זיך בא אים אין מאַנוסקריפּט[2]. מיר האָבן ביז איצט ניט די דאָזיקע איבערזעצונגען. מיר האָבן נאָר די צוועלף שורעס, צוערשט געדרוקט אין צווייטן וואַריִאַנט פון „דער קליאַטשע“ (1889).

דאָ קאָן מען אַרויסזען מענדעלען אַלס צווייִשפּראַכיקן קלאַסיקער, וועלכער האָט געשאַפן דעם סטיל זײַנעם פאַר העברעיִש און ייִדיש אין גײַסט פון ליבשאַפט צום פאָלק און צו זײַנע קולטור־ווערטן. וועגן דער דאָזיקער גײַסט־אייניקײַט פון מענדעלעס סטיל אין העברעיִש און אין ייִדיש שרײַבט נ. אויסלענדער אין זײַן באַוווּסטער אַרבעט „גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאַליזם“.

מענדעלע אַליין זאָגט וועגן זיך: „דער קריטיקער פון מענדעלע מויכער־ספאָרים דאַרף ניט פאַנאַנדערטיילן צווישן קוידעש און כויל (צווישן העברעיִש און ייִדיש). ער דאַרף זיי נעמען אינאיינעם, ווײַל זיי שטאַמען פון איין מאָקער און איין גײַסט פאַרמאָגן זיי“[1].

מענדעלע האָט פאַרוואַנדלט לאָשן קוידעש אין לאָשן כויל (די הייליקע שפּראַך אין א וואָכעדיקער) ניט נאָר מיט זײַן ייִדישיזירטן העברעיִש, נאָר אויך דערמיט, וואָס ער האָט אין ייִדיש, אין דער פּראָסטער שפּראַך פון פאָלק, איבערגעדיכטעט ביבלישן סטיל און ביבלישע טעקסטן, באַווײַזנדיק דערמיט, אַז אונטערן טערמין „לאָשן כויל“ דאַרף מען פאַרשטיין פאָלקסטימלעכקײַט, וועלכע נידערט ניט אַראָפּ, נאָר דערהייבט די שפּראַך אף א העכערער מאַדרייגע.

אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ פאַרגלײַכן די צען שורעס פון טילים מיט די צוועלף שורעס פון מענדעלעס איבערדיכטונג אין ייִדיש (גענומען פון צווייטן וואַריִאַנט פון „דער קליאַטשע“):

## דער טילים־טעקסט

ותגעש ותרעש הארץ
ומוסדי הרים ירגזו
ויתגעשו כי חרה לו:
עלה עשן באפו
ואש מפיו תאכל
גחלים בערו ממנו:
ויט שמים וירד
וערפל תחת רגליו:
וירכב על כרוב ויעף
וידא על כנפי רוח

## מענדעלעס ייִדישער טעקסט

עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטן,
עס ציטערן פון בערג די גרונטן —
קראַך־קראַך! אָט וואַלען זיי זיך אײַן,
וויבאַלד ער קומט אין קאַס אַרײַן.
פונעם נאָז אים זעצט אַרויס א רויך,
א פײַער פלאַמט פון מויל בא אים,
און גליִענדע קוילן פליִען הויך,
עס ברענט, עס סאַרפּעט אומעטום!
ער נייגט דעם הימל, גייט אַרונטער,
א וואָלקן שפּאַרט די פיס אים אונטער;
ער רײַט אפן קרווו[2], ער פליט געשווינד
און שוועבט אפן פליגל פון דעם ווינט.

אין ביבלישן טעקסט — „כי חרה לו“ (ער ווערט דערצאָרנט). בא מענדעלען — „וויבאַלד ער קומט אין קאַס אַרײַן“. „עלה עשן באפו“ — „פונעם נאָז אים זעצט אַרויס א רויך“. „עלה“ (גייט אויף) ווערט בא מענדעלען פאַרוואַנדלט אין „זעצט אַרויס“, ווי עס וואָלט זיך גערעדט וועגן א פּראָסטן באָסער־ווּדאָם. דער ביבלישער טעקסט איז הימליש, געטלעך, מענדעלעס — ערדיש, מענטשלעך, און מיט דעם טאַקע קרעפטיק.

נאָך די צוועלף שורעס גייט אַן אָרגאַנישע שילדערונג, ווי פאַר ייִסראָליקס אויגן דערשײַנט גאָט מיט זײַן סווויטע. עס זעט אויס ווי א פּאַראַדיע אפן צענטן קאַפּיטל פונעם נאָווי יעכעזקל וועגן געטלעכן פּאַראַד.

די מענדעלע־קריטיק ווײַזט אָן אף דער קאָמפּאָזיציאָנעלער געבראָכנקײַט אין מענדעלעס ווערק. מענדעלע קייטלט א מײַסע אין א מײַסע, א מײַסע איבער א מײַסע און גייט אָפּט אָפּ פונעם סוזשעט. אַרום דעם הויפּט־סיזשעט קומען אויף בײַ־סוזשעטן, וועלכע וואַקסן אַריבער אין פאַרנעם דעם הויפּט־סוזשעט.

אויב פאַר אַנדערע ווערק איז אַזאַ באַהויפּטונג ניט אינגאַנצן ריכטיק, איז עס ביז גאָר ריכטיק פאַר „דער קליאַטשע“. דאָ איז דאָך דער איקער ניט דער סיפּער־האַמײַסע — ניט דער ייִסראָליק־סוזשעט און ניט דער סוזשעט פון פּרינץ־קליאַטשע. דאָ איז דער איקער די אידיי פונעם ווערק, אין וועלכן ס'איז שטאַרק באַגרענעצט די פרײַע האַנדלונג פון די העלדן. סוזשעטיש זײַנען ייִסראָליק מיט דער קליאַטשע צווישן זיך ניט פאַרבונדן. ס'איז ניטאָ קיין באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג אָדער סאָציאַלע געזעצמעסיקײַט אין די פאַרבינדונגען צווישן זיי און צווישן זיי ביידע מיטן אַשמעדײַ.

די קאָמפּאָזיציאָנעלע געבראָכנקײַט פון „דער קליאַטשע“ איז אָבער בלויז אַן אויסערלעכע. אינערלעך פאַרמאָגט

---

[1] דאָס אָרט אין „תהילים“, י״ח, פאַרנעמט צען שורעס; באַם איבערדיכטן איז פון זיי אַרויסגעקומען צוועלף שורעס.

[2] „שטריכן צו מײַן ביִאָגראַפיע“ (אווטאָביִאָגראַפיע פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, דערשינען אין העברעיִשן זאַמלבוך „ספר־זכרון“ פון נ. סאָקאָלאָוו, 1889).

[1] בריוו צו י.־כ. ראַווניצקי, 10 אויגוסט 1900. „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 184.

[2] ק ר ו ו — א מאַלעך.

דאָס ווערק קאָמפּאָזיציאָנעלע גאַנצקייַט. אַלע געשעענישן ווערן געריכטעט צו איין ציל, וועלכן עס דינט די אַלעגאָריע.

„די קליאַטשע" איז געשריבן ווי „קסאָווים פון ייִסראָליק דעם מעשוגענעם". די קליאַטשע איז דאָך ייִסראָליקס „מעשוגאַס". אין נאָרמאַלן טאָגטעגלעכן שטייגער פון ציפּעס בעניאָכיד ייִסראָליק עקזיסטירן נאָר יעכידישע דײַגעס (עקזאַמענעס, דער מאַמעס שידוכים). עס עקזיסטירן ייִדן מיט פּאַרנאָסע־זאָרגן. דאָס פאָלק אַלס געזעלשאַפטלעכע קאַטעגאָריע, דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס, די פּראַגע וועגן זײַנע בירגער־רעכט, גלײַכבאַרעכטיקונג, די פּראַגע אַלס אַ טייל פון אַ גרויסער וועלט־פּראָבלעם — דאָס אַלץ קומט אין דער אַלעגאָרישער פּאַראַלגעמיינערונג פון „דער קליאַטשע" אין דער צײַט פון ייִסראָליקס „מעשוגאַס"; אַזויאַרום ברעכט זיך די קאָמפּאָזיציע צווישן ייִסראָליקס „נאָרמאַלן" צושטאַנד און זײַן „מעשוגאַס"...

די אַכציקער יאָרן, די צײַט, ווען מענדעלע האָט איבערגעאַרבעט זײַן „קליאַטשע", איז געווען אַ צײַט פון שווערער רעאַקציע.

עס קראַכן די פּאָלקיסטישע אידייען. עס צערינען די אילוזיעס בא דער אינטעליגענץ. דאָס שאַפט אַ יערידע־שטימונג. אַ סאַך פון די מאַסקילים אַנטוישן זיך אין דער האַסקאָלע אַלס מיטל צו ווערן „מענטשן־גלײַך". דאָס ליכטל פון דער האַסקאָלע צאַנקט. עס זײַנען אַוועק די אילוזיעס וועגן דעם, אַז די רעגירונג וועט העלפן פאַרשפּרייטן בילדונג אין פאָלק. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז פינצטערניש און אָפּגעשטאַנענקײַט פון פאָלק איז די באַזע, אף וועלכער עס האַלט זיך דער צאַריזם.

מענדעלע, וועלכער גייט פוסטריט מיט זײַן צײַט, האָט אין צווייטן וואַריאַנט פון „דער קליאַטשע" געגעבן אייניקע שטריכן, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם ייִעש און די פאַרלוירנקײַט פונעם מאַסקיל; ייִסראָליק גלייבט שוין ניט אין האַסקאָלע. ער שטרעבט צו דאָקטאָריע, ניט ווײַל ער האָט זי אַזוי ליב. „אויב ניט די דאָקטאָריע, וועט ער בלײַבן אַ דערשלאָגן ייִדל" און וועט „פאַרשוואַרצט ווערן און אויסשטיין אין דער וועלט פון איטלעכן *גלײַך מיט אַלע אַנדערע ייִדלעך* כאַרפּעס און ביזיוינעס". די פראַזע „גלײַך מיט אַלע אַנדערע ייִדלעך" איז ניט געווען אין ערשטן וואַריאַנט.

די פאַרלוירנקײַט און דער ייִעש פון דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ כאַפּט אויך אַרום ייִסראָליקן. „עס האָט מיר זיך געדאַכט, איך זינק אין אַ טיפן אָפּגרונט וואַסער. איך זינק אַלץ טיפער, טיפער, און אַרום מיר רוישט זיך גאָר אַ שרעק, איך וויל עפּעס אָנטאַפּן, אין וואָס עפּעס זיך אָנכאַפּן, נאָר איך פיל אָבער ניט קיין הענט, קיין פיס. עפּעס בין איך ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט, אַרויס פון די קיילים, בין גלאַט אַזוי אַ ייִסראָליק, אַ לופּטיקס, אָן לײַב, אָן איווורים. ניטאָ פון מיר גאָרניט. נאָר די בלויזע נאַקעטע נעשאָמע" (צווייטער וואַריאַנט, ז. 16, אין ערשטן וואַריאַנט — ניטאָ).

ייִסראָליק פון צווייטן וואַריאַנט איז שוין דער צווייטער דאָר פון די מאַסקילים, ס'איז אַ ייִסראָליק, וואָס זײַנע אינדיווידואַליסטישע שטרעבונגען און געזעלשאַפטלעך־באַגרענעצטע אידייען ציִען אים אָפּ פון פאָלק און פון זײַנע אינטערעסן און ער בלײַבט אויסגעהוילט.

דער דריטער וואַריאַנט פון „דער קליאַטשע" איז צוערשט געשריבן געוואָרן אין העברעיִש און איבערגעאַרבעט געוואָרן אף ייִדיש. די איבעראַרבעטונג איז דערשינען אַלס דריטער באַנד אין „אַלע ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים", וואַרשע, פאַרלאַג „מענדעלע", 1913.

אף די שאַרבלעטער פון דער ערשטער און צווייטער אויסגאַבעס לייענען מיר „די קליאַטשע אָדער צאַר־באַלעכאַיִם. אַ מײַסע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט ייִסראָליק דעם מעשוגענעם". אין ערשטן וואַריאַנט באַהאַלט זיך דער מעכאַבער הינטער די ווערטער „געדרוקט בעהישטאַדלעס מענדעלע מויכער־ספאָרים". אין דער דריטער אויסגאַבע איז דאָס ניטאָ. ס'איז אויך ניטאָ די מאָטאָ, דער פּאָסעק פון „שיר־האַשירים".

אין פאַרגלײַך מיטן צווייטן וואַריאַנט האָט מענדעלע דאָס מאָל אַרײַנגעטראָגן גאַנץ ווייניק שפּראַך־ענדערונגען, דערפאַר אָבער געגעבן נײַע קעפּלעך און נײַע שטעלן צו די אַלטע קאַפּיטלען, אָנגעשריבן אינגאַנצן נײַע קאַפּיטלען, אין וועלכע ער האָט אײַנגעשלאָסן אייניקע שטעלן פון די אַלטע. פון זעכצן קאַפּיטלען איז „די קליאַטשע" אויסגעוואַקסן ביז פיר און צוואַנציק.

די ערשטע צוויי וואַריאַנטן זײַנען ווייניק באַקאַנט דעם הײַנטצײַטיקן לייענער. דערפאַר אָבער איז דער דריטער וואַריאַנט אַרויס אין פיל אויפלאַגעס — אין ייִדיש, העברעיִש, רוסיש און אַנד. אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז „די קליאַטשע" אף ייִדיש דערשינען דאָס ערשטע מאָל אין 1918[1].

אין 1909 האָט מענדעלע געוווינט אין פּאָדבאָראַדזע, לעבן ווילנע, בא איינער פון זײַנע טעכטער. אין יענער צײַט האָט ער איבערגעאַרבעט „די קליאַטשע" פון העברעיִש אף ייִדיש.

דער פּאָעט דאָוויד איינהאָרן איז דעמאָלט געווען מענדעלעס סעקרעטאַר. ער דערמאָנט זיך, וויאַזוי דער זיידע האָט געאַרבעט: „אַליין האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מיטן בוך אין האַנט און געהייסן: שרײַבט! און פון דער מינוט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאָרשטעלונג. מענדעלע האָט ניט דיקטירט, נאָר פאָרגעשטעלט, געשפּילט ווי אַן אַרטיסט אף דער סצענע. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער בלײַבן שטיין פאַרגליווערט אין אַ פּאָזע מיט אַ גרימאַסע און געזוכט, זוכנדיק דערבײַ דאָס וואָרט, וואָס זאָל עס אויסדריקן. און ניט נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס עמעס ייִדישע וואָרט. און ניט קיין מינוט, און ניט קיין צוויי מינוט פלעגט ער אָפּשטיין אין דער פּאָזע, נאָר אַמאָל אַ האַלבע שאָ נאָכאַנאַנד, ביז ער פלעגט דאָס וואָרט געפינען"[2].

ווען מע לייענט דעם דריטן וואַריאַנט, זעט מען אַזעלכע ערטער, וועלכע גרײַפן אָן נאָך שאַרפער, ווי אין די

---

[1] *מענדעלע מויכער־ספאָרים* (ש. י. אַבראַמאָוויטש). געזאַמלטע שריפטן. באַנד 5. די קליאַטשע. פעטערבורג. פאַרלאַג פון קולטור־ און בילדונגס־אָפּטיילונג באַם קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע איניאָנים, 1918 (ייִדיש — סאָציאַליסטישע פאָלקס־ביבליאָטעק. ייִדישע קלאַסיקער).

[2] *איינהאָרן*. מענדעלע בא דער אַרבעט. אין זאַמלבוך: „מענדעלע מויכער־ספאָרים". צום 75־יאָריקן יובילײַ. וואַרשע, 1910, ז. 45.

פריִערדיקע ווארִיאנטן, די טוירע און אפילע דעם ריבוי־נעשעלוילעם.

אומזיסט זײַנען געווען די באמִיִונגען פון דער בירגער־לעכער ליטעראַרישער וועלט אָפּצורוקן מענדעלען פון דער הײַנטצײַטיקײַט און געבן אים אַן אָרט אין מוזיי.

אין א יובילײ־בלעטל, ארויסגעגעבן אין קיִעוו לעקאָוועד מענדעלעס 75־טן געבורטסטאָג, זאָגט זיך: „אין מענדעלעס ווערק געפינט איר ניט קיין הײַנטוועלטיקע פּראָבלעמען, קיין שווערע פארוויקלטע טעאָריעס. זיי זײַנען אזוי איינפאך, דוכט זיך אפילע עפּיש רויִק"[1].

דאָס בלעטל האלט פיר זײַטלעך. קיין מעכאברים זײַנען ניט אָנגעוויזן. נאָר דער מעכאבער פון דעם ארטיקל האָט געוויס פארדינט אן אָרט אין מוזיי.

מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט אין דעם פארגרעסערטן „קליאטשע"־ווארִיאנט זיך באמיט אָפּצושפּיגלען די דראמאטישע געשעענישן, וועלכע עס האָט געבראכט מיט זיך דער שטורמישער אָנהייב פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט. פון דעם ערשטן ביז דעם דריטן ווארִיאנט זײַנען דורכגעגאנגען קימאט פערציק יאָר. שוין ניט געווען דער מאסקיל, וואָס אין די 60—70־ער יאָרן, און ניט די קליאטשע וואָס פריִער. אף דער געזעלשאפטלעכער ארענע איז ארויס א דריטער דאָר, בא וועלכן די האסקאָלע־אידעאלן זײַנען א ווײַטער אָוואר. פאראן שוין יִידישע ארבעטער־מאסן און א דעמאָקראטישע אינטעליגענץ, באוווסטזיניקע אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. שארפער און בולעטער איז געוואָרן די קלאסן־דיפערענציִאציע אין יִידישן פאָלק.

אין ארײַנפיר פון יאנקעוו פיכמאן צו דער העברעיִשער אויסגאבע פון „אלע ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים" ווערט „די קליאטשע" באטראכט דעריקער אלס א פאָלעמיק צווישן דעם יִידישן פאָלק און די אנדערע פעלקער פון דער וועלט. ווען מע לייענט אָבער דאָס ווערק, אפילע אויבערפלעכלעך, זעט מען, אז אומעטום, וווּ ס'רעדט זיך וועגן אוולעס, וועלכע ווערן באגאנגען קעגן דער קליאטשע, ווערן דערמאָנט אוולעס אויך קעגן אנדערע אזעלכע קליאטשעס. „די קליאטשע" איז אזויארום א קינסטלערישער פאמפלעט קעגן סאָציאלן אומרעכט ביכלאל.

יִיסראָליק זאָגט ארויס אין דריטן ווארִיאנט גאנץ אָפן זײַן „אידעאל". די שטרעבונג צו בילדונג איז בא אים שוין ניט, ווי אין ערשטן ווארִיאנט, א מין „גיין אין פאָלק", ווי ער אליין האָט דעמלט געזאָגט, „קעדיי צו זײַן נוצלעך, אי זיך, אי דער וועלט". אין דריטן ווארִיאנט שטרעבט יִיסראָליק צו בילדונג, קעדיי אוועקצוגיין פון פאָלק: „דורך דעם, וואָס איך וועל ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, וועל איך באקומען באזונדערע זכִיעס. צווישן זיי אויך דעם זכוס ארויס פון דער ענגשאפט פון דעם טכום". דעריבער דערקלערט ער קאטעגאָריש: „דעם דיפּלאָם מוז איך זען צו באקומען מיט מײַן גאנצן קויעך". יִיסראָליק שטרעבט דערהייבן זיך צו דעם הײַפל דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן, וועלכע געניסן פון די צארישע פריווילעגיעס „פראנק־און־פרײַ זיך באוועגן אף דער גאנצער וועלט". יִיסראָליק האָט מוירע פאר א דורכפאל אף די עקזאמענעס, ווײַל ער וועט דעמלט זײַן „גלײַך מיט אלע יִידלעך" אין טכום.

יִיסראָליק איז געוואָרן א סקעפּטיקער, א פאַרשטייער פון דער אנטוישטער אינטעליגענץ, וועלכע גריבלט זיך אין זיך אליין, איז מעסופעק אין די אייגענע קויכעס.

מענדעלע פירט יִיסראָליקן דורך די געשעענישן פון דער צײַט. דאָס קאפיטל הייסט „יִיסראָליק באקלערט די וועלט". דאָ באקלערט אָבער די וועלט ניט יִיסראָליק, נאָר מענדעלע אליין. דער סאָלאָוויי שפּילט דאָס „טרויעריקע שטיקל" אין זײַן „זיסן שטייגער" וועגן ציפּעטשקעס מאן און „עלטערן זון, וואָס איז שוין געוואָרן א בארמיצווע, א באר־קרייער". ציפּעטשקע האָט געהאָפט, אז ער וועט, ווי איר מאן, „פארשטיין קרייען אף טאָג"... אלעגאָריש רעדט זיך דאָ וועגן צוויי דוירעס רעוואָליוציאָנערן, וועלכע די צארישע סאטראפּן שמידן אין קייטן דערפאר, וואָס זיי „קרייען אף טאָג" (רופן צו רעוואָליוציע).

דאָס סאָלאָווייטשיקל „צעגיסט זיך אין שטייגער", און מענדעלע דערזעט „אן אנדער בילד, א פינצטערס, א טרויערדיקס". ער דערזעט הינדע די אלמאָנע מיט אירע פינף זין, „פון וועלכע צוויי גייען אוועק אף מילכאָמע צו הארגענען אָדער געהארגעט צו ווערן, אנידערלייגן דעם קאָפּ ערגעץ אין עק וועלט", איינער שטארבט אין הונגער און נויט, איינער ווערט דערהארגעט אין פּאָגראָם דורך דער שווארצער מייע — דורך „מענטשן מיט פארשטאָפּטע הערצער, וועלכע ווארפן זיך ווי כײַעס־ראָעס אף ברידער, ברעכן, שטעכן". צי קלינגט ניט הײַנט אף דער וועלט בא מיליאָנען מאמעס, וואָס קעמפן פאר שאָלעם, די שטים פון הינדע דער אלמאָנע, איר טײַנע: „ניט קיין מאמע איז זי, ניט קיין רעכט אף אירע קינדער האָט זי, נאָר א דינסט איז זי דעם מאלעכהאמאָוועס".

אין קאפיטל „יִיסראָליק באקלערט די וועלט" ווערט שארף אָנגעגריפן די הײַנטצײַטיקע בורזשואזע אָרדענונג, וועלכע איז מעסוגל „ארויסצורײַסן בא מיר פון די הענט ארבעט; פונעם מויל דאָס שטיקל ברויט, צו האלטן דיך אין קלעם און צו פארקירצן דײַנע יאָרן. די קאָנקורענץ, וואָס דורך דעם קומט ארויס פײַנטשאפט, האס, געשלעג, גזיילע און רעציכע"...

מענדעלע איז אין דעם דריטן ווארִיאנט פון זײַן ווערק גרויס און הײַנטצײַטיק מיט זײַן שארפער קריטיק פו־נעם קאפיטאליזם. זײַנע ארויסגעלאָזענע פײַלן טרעפן נאָך איצט אין ציל. דאקעגן, מענדעלעס פּאָזיטיווע פּראָגראם איז אן אבסטראקטע און פארנעפּלטע.

אין דריטן ווארִיאנט זײַנען פינף קאפיטלען (אָנשטאָט צוויי אין די פריִערדיקע ווארִיאנטן) געווידמעט דער לופט־רײַזע פון יִיסראָליקן מיטן אשמעדײַ.

אין קאפיטל „וואָס אן אשמעדײַ קען" מאָלט מענדעלע סדוים און אמוירע, וואָס רופן זיך איבער מיט גאָרקיס „שטאָט פון געלן טײַוול". דער אשמעדײַ באווײַזט יִיסראָליקן, ווי „עס רײַכערן דאָרט גרויסע הויכע קוימענס פון מײַנע טויזנטערלײ פאבריקעס. פאבריקעס פון הארמאטן, ביקסן און קאָל־האמינים אנדערע קלײזײַען אף צו מאכן דעם טויט"... „פאבריקעס צו דרוקן און פארשפרייטן גיך און געשווינד זייער פיל נארישקײַטן, ליגנס, רעכילעס, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, סינע, קינע און נאָך און נאָך אזעלכע מִיִעסע זאכענישן און אלדאָסבייז איינע קעגן די אנדערע... קורץ און גוט, דאָס איז דער רויך פון ציוויליזאציע".

מענדעלע פירט ארײַן אין דריטן ווארִיאנט די שווארצע מייע; אין די פריִערדיקע ווארִיאנטן רופט ער אָן יענע,

[1] מענדעלע מויכער־ספאָרים (ש. י. אבראַמאָוויטש). לעקאָוועד זײַן 75־יאָריקן געבורטסטאָג. קִיעוו, דרוקערײַ „ראבאָטניק", 1910, 4 זײַטן.

וואָס פײַניקן די קליאַטשע, — „די ווײַסע כעוורע“, אין דריטן וואַריִאַנט — „די שוואַרצע כעוורע“; ער באַווײַזט א פאָרשטייער פון דער שוואַרצער מייע אין גע־שטאַלט פון קאַשטשיי דעם מעכאַשעף, וואָס איז א „כײַע־ראָע“, בא וועמען „א ייִדן אופצועסן איז דער געשמאַק־סטער ביסן“ און פאַר וועלכן ייִסראָליק זינגט „מאַיאָפּעס“ מיט א בייג און מיט א דריידלע“... (קאַפּיטל 10).

קעגן אָט דעם „מאַיאָפּעס“ איז געווענדט א שאַרפּע שטעל אין קאַפּיטל „וואָס אַן אשמעדײַ קען“. נאָך דעם פּאָעטיש רירנדיקן בילד, ווי „דאָס גאַנצע הימלישע כאַיל שטייט מיט גרויס דערעכערעץ אויבן דאָרט, רופן איינער צום אנדערן און זאָגן: „קאָדויש, קאָדויש, קאָדויש, היי־ליק איז צוואָויס, גאָט דער הערשער“, און פון כאָרן מאַ־לאָכים לאָזט זיך הערן א האַלעלויאַ, קומט דאָס שנײַדנ־דיקע וואָרט פונעם אשמעדײַ: „קנעכט זײַט איר, מע־שאָרסים, אָן א פיצל אייגענעם ווילן, נאַראָנים, באַטלאָ־נים... דעם באַלעבאָס אײַערן, דעם גרויסן פּאָרעץ, איז ליב כניפע... בענטש, דאַוון, דאַנק און לויב אָן אופהער, כוינפים, באָסאַקעס, קריכערס, אונטערלעקער זײַט איר!“

אָט די ווערטער זײַנען געווענדט קעגן די ייִדישע בור־זשואַזע פּאָליטיקער, וואָס זײַנען געקראָכן אף די קני צו קושן דעם קאַנטשיק, די נאַהײַקע באַם גרויסן פּאָרעץ, געקראָכן מיט אונטערלעקערישע פּעטיציעס, אפילע אונ־טערגעטראָגן דעם געזאַלבטן מאָנאַרך א סייפער־טוירע...

איינער פון די העברעיִשע שרײַבער אין ייִסראָעל, אווראָם קרים איז ארויסגעטראָטן מיט א רעוויזיע פון מענ־דעלע מויכער־ספאָרים. אין זײַן ביכל „אדברה וירוח לי“ (כ׳וועל ריידן, ס׳זאָל מיר גרינגער ווערן. אף ייִדיש הייסט עס „אראָפּריידן זיך פון הארצן“), וואָס איז דערשינען אין 1950, האָט ער געשריבן: „מענדעלע האָט געזען און בא־וויזן בלויז אייניקע ווינקלען פון ייִדישן לעבן און האָט פאַרזען דאָס שיינע, דערהויבענע, דאָס הערלעכע, דאָס נעשאָמעדיקע אינעם ייִדישן פאָלק... וואָס מער ער, מענ־דעלע, מאָלט די האַווײַעס, די פּירעכצן פון ייִדן, אלץ ווייניקער ברענגט ער ארויס די ייִדישע נעשאָמע, דעם ייִדישן גײַסט... אין פלוג האָט מענדעלע ארומגענומען אין זײַן שילדערונג־וועלט א סאַך א גרעסערן און ברייטערן שטיק, ווי פּערעץ. אָבער אונטער זײַן האַנט איז ארויס־געפלויגן די נעשאָמע, און וואָס קומט ארויס פון אלץ, וואָס איז פאַרבליבן, ווען די נעשאָמע האָט אויסגע־פעלט?“[1]

דעם שרײַבער געפעלט, אפּאָנעם, ניט, וואָס מענדעלע שילדערט די טאָרבע, די אָרעמקײַט, דעמאַסקירט די טא־קיפים און קלייקוידעש און וואָס ער געפינט ניט אין זיי די איליוזאָרישע „ייִדישע נעשאָמע“...

[1] ציטירט לויטן „מענדעלע־בוך“, ז. 354.

אלײן די הײַנטצײַטיקע רעוויזיע פון מענדעלען באַווײַזט, אז מענדעלעס סאַטירע איז נאָך הײַנט מעסוגל צו בײַסן און אז זי שטייט נאָך ביז הײַנט בא געוויסע קרײַזן פון דער בירגערלעכער וועלט ווי א ביין אין האַלדז...

„די קליאַטשע“ איז ניט נאָר א ווערק פון אָוואָר, א בלעטל ביִאָגראַפיע פון אונדזער פאָלק. ניט נאָר וועגן לעבן, וואָס עס האָבן אויסגעלעבט אונדזערע זיידעס און טאַטעס, קאָן אונדז דערציילן דאָס ווערק. עס וועט אויך אופדעקן, בא דעם פאַרגלײַך מיטן אמאָל, דעם גרויסן יאָמטעוו פון דעם נײַעם לעבן בא די אייניקלעך און אורייניקלעך פון די העלדן פון „דער קליאַטשע“ אין געוועזענעם טכום.

„די קליאַטשע“ איז א מאָנומענטאַל ווערק, נאָר ניט קיין פאַרשטיינערטע סטאַטוע. דורך דער פאַרגאַנגענהײַט רײַסט עס זיך דורך צו דער קעגנוואַרט, אין וועלכער מיר לעבן. עס דערמאָנט, עס מאָנט, עס וואָרנט.

ניט קיין פרינץ, ניט קיין קליאַטשע, ניט קיין איִעוו, ניט קיין קישעף, — אלץ איז דאָ רעאַליסטיש, פריש פאַר אונדזער דאָר.

דער קאַפּיטאַליסטישער סדוים שטייט נאָך פאַר אונד־זערע אויגן. מיר זעען נאָך „די מיזבייכעס, ווו עס ריי־כערט זיך... לעקאָוועד דער גאָלדענער קאַלב, דעם גאָט פון ספּעקוליאַציעס און שווינדל... דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רייכערט אויס פון דאָרט די געפילן און פאַרוואַנדלט אלץ אין סכוירע — ליבע, פרײַנטשאַפט, גלויבן...“ (דריטער וואַריִאַנט, קאַפּיטל 20).

צי איז „די קליאַטשע“ אן אלעגאָריע בלויז פאַר דער פאַרגאַנגענהײַט? ניין! זי איז געווענדט מיט איר שאַרף קעגן דעם שוידער און ווילקיר פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אויך הײַנט — זי איז א ווערק פאַר דער הײַנט־צײַטיקײַט!

דער ראַסיזם האָט פּראָקלאַמירט, אז „ס׳איז א גרויסער כילעק צווישן בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פּאָרט עפּעס אנדערש“ (דריטער וואַריִאַנט, קאַפּיטל 15).

די וועלט וועט נאָך לאַנג געדענקען „די דײַטשלעך מיט זייערע הינט, די גרויסע געלערנטע, וואָס סייכל האָבן זיי געהאַט קימאַט ווי מענטשן, אָבער א האַרץ און א מויל עכט הינטישע. זייער ביס איז געווען שרעקלעך. אדהײַעם שטייען נאָך צייכנס פון זייערע ציין“ (קאַפּיטל 4).

אדהײַעם טריפן נאָך די וווּנדן אין די הערצער פון אונדזער דאָר, בא וועלכן דער פאַשיזם האָט אָפּגעשניטן לעבעדיקע שטיקער פון לײַב. צי קאָן מען דען פאַרגעסן די גאַז־קאַמערן און די טעכניק פאַר מאַסן־מאָרד, וועלכע ס׳איז דערפונדן און קולטיווירט געוואָרן אין הארצן פון דער ציוויליזירטער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע — אין ציוויליזירטן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד? דאָס קאָן ניט און טאָר ניט פאַרגעסן ווערן. עס הענגט נאָך הײַנט איבער דער וועלט די דאַמאָקל־שווערד פון רעוואַנשיזם און נעאָ־נאַציזם...

„די קליאַטשע“ דערמאָנט! „די קליאַטשע“ וואָרנט!